בס"ד

וישלח תשפ"ה

גליון 217

# דעם רבינ'ס ליכט



אַיְיערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### מִלְחָמָה אוֹיפְן פִּינְטֶעלֶע שִׂמְחָה...

אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַז נָאכְדֶעם וָואס יַעֲקֹב אוּן עֵשָׂו הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן, אִיז יַעֲקֹב אַרִיבֶּער דֶעם טַייךְ יַבֹּק אוּן אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה מִיט דִי פַארְמֶעגְן אַרִיבֶּער דֶעם טַייךְ פַארְגֶעסְנְדִיג דָארְט קְלֵיינֶע קְרִיגֶעלֶעךְ, יַעֲקֹב אָבִינוּ גֵייט צוּרִיק זֵיי נֶעמֶען.

עֶס אִיז אִינְמִיטְן נַאכְט, יַעֲקֹב אָבִינוּ גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט אַלֵיין אִינֶעם שְׁטָאק פִינְסְטֶער, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אִים אַנְטְקֶעגְן אַ מַלְאָךְ פוּן עֵשָׂו, עֶר קוּקְט אוֹיס וִוי אַ מֶענְטְשׁ אוּן הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ שְׁלָאגְן מִיט יַעֲקֹב.

דֶער מַלְאָךְ מִיט יַעֲקֹב הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי גֶעשְׁלָאגְן, בִּיז דֶער מַלְאָךְ הָאט גֶעזֶען אַז עֶר קֶען נִישְׁט בֵּייקוּמֶען יַעֲקֹב, הָאט עֶר אִים אָנְגֶערִירְט בַּיים קְנֶעכְל פוּן דִי פִּיס אוּן יַעֲקֹב אִיז גֶעוָוארְן הִינְקֶעדִיג, אָבֶּער יַעֲקֹב מִיט זַיין גְרוֹיסְן כֹּחַ הָאט אִים נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט בִּיז דֶער מַלְאָךְ הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן צוּ אִים "לָאמִיר שׁוֹין גֵיין, סְ'אִיז שׁוֹין פַארְטָאגְס, אִיךְ דַארְף גֵיין זִינְגֶען שִׁירָה". "אִיךְ לָאז דִיר נִישְׁט אָפּ, בִּיז דוּ וֶועסְט מִיר בֶּענְטְשְׁן!" הָאט יַעֲקֹב גֶעעֶנְטְפֶערְט: הָאט אִים דֶער מַלְאָךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן יַעֲקֹב הָאט אִים אָפְּגֶעלָאזְט.

ר' נָתָן טַייטְשְׁט דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה אַז דִי מִלְחָמָה צְוִוישְׁן יַעֲקֹב מִיטְן שַׂר שֶׁל עֵשָׂו אִיז גֶעוֶוען אַז דֶער שַׂר פוּן עֵשָׂו הָאט גֶעוָואלְט פַארְלֶענְגֶערְן דֶעם גָלוּת, מֶען זָאל מֶער קַיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת חַס וְשָׁלוֹם. וִוייבַאלְד דֶער זְמַן פוּן דִי גְאוּלָה אִיז פַארְהוֹילְן הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אַנְטְקֶעגְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער בִּכְלָלִיוּת אוּן בִּפְרָטִיוּת קֶעגְן יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער.

דֶערְפַאר הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁלָאגְן מִיט יַעֲקֹב וָואס פוּן אִים הֵייבְּט זִיךְ אָן דֶער עִיקָר קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל. וָואס אִיז דִי עִיקָר קְדוּשָּׁה? זָאגְט דֶער רֶבִּי אוֹיף עֶטְלִיכֶע פְלֶעצֶער אַז דָאס אִיז "שִׂמְחָה" אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט: "יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל".

דִי גַאנְצֶע מִלְחָמָה פוּן עֵשָׂו קֶעגְן יַעֲקֹב אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם פִּינְטֶעלֶע, "שִׂמְחָה... " וֶוען דֶער מַלְאַךְ הָאט גֶעזֶען אַז עֶר קֶען נִישְׁט בֵּייקוּמֶען אוּן שֶׁעדִיגְן יַעֲקֹב וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר הֵיילִיג אוּן אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדֻשָּׁה, הָאט עֶר אִים אָנְגֶערִירְט אִין דִי פִּיס, זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מִדְרָשׁ אַז דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי לֶעצְטֶערֶע דוֹרוֹת, עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא, דָארְט הָאט דֶער מַלְאָךְ זִיךְ גֶעוָואלְט פַארְלֵייגְן, אָבֶּער יַעֲקֹב הָאט זִיךְ קֶעגְן גֶעשְׁטֶעלְט וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט אוֹיךְ דִי לֶעצְטֶע דוֹרוֹת אַרוֹיסְרַאטֶעוֶוען פוּן עֵשָׂוְ'ס פוֹיסְט.

דֶער מַלְאַךְ רוּפְט זִיךְ אָן צוּ יַעֲקֹב: "שַׁלְּחֵנִי כִּי

המשך אויף קומענדיגע זייט

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

"עָלָה הַשַּׁחַר" טײַטש ר' נָתָן אַז נָאכְדֶעם וָואס דער מַלְאָךְ הָאט אָפְּגֶעטוּן דָאס זַיְינִיגֶע אוּן שְׁוֶוער געמַאכְט פַאר'ן לֶעצְטְן דוֹר מִיט עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערֶע גָלוּת־פַּיין הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָואלְט אָפְּטוּן פוּן יַעֲקֹב, עֶס אִיז דַאן גֶעוֶוען פַארְטָאגְס וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער כַאפְּן דִי צִיצִית מִיט תְּפִלִּין מִיט זְרִיזוּת אוּן פְרֵייד, מֶען זָאגְט דִי פְּסוּקֵי דְזִמְרָה מִיט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת בְּשִׂמְחָה – וָואס מִיט דֶעם אִיז מֶען מַעֲלָה אַלֶע נִיצוֹצִין פוּן דִי קְלִפּוֹת – זָאגְט דער מַלְאָךְ: שַׁלְּחֵנִי! אִיךְ דַארְף גֵיין זָאגְן שִׁירָה בְּשִׂמְחָה וַוייל דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע חִיוּת פוּן אַ מַלְאָךְ צוּ זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת בְּשִׂמְחָה.

לֵיידֶער זֶענֶען פַארְהַאן מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען מְקַטְרֵג אוֹיף אוּנְז קְלֵיינְטְשִׁיגֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דער וֶועלְט מִיט אַ טַעֲנָה פוּן מָה אֱנוֹשׁ.. "דער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַיינְגֶעטוּנְקְן אִין אַלֶע תַּאֲווֹת פוּן דער וֶועלְט, עֶר אִיז אַיין שְׁטִיק עַצְבוּת אוּן נִישְׁט וֶוערְד צוּ זָאגְן שִׁירָה!" טַעֲנָה'ן דִי מַלְאָכִים: וָואס דִי מַלְאָכִים וֵוייסְן אָבֶער נִישְׁט אַז אַדְּרַבָּה, דָאס אִיז דער עִיקָר לוֹיבּ פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיף אַ פְּרֵיילִיכֶע מִצְוָה פוּן דֶעם טְרוֹיעֶרִיגֶע וֶועלְט.. וֶוען מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק מִיט'ן כֹּחַ הַצַּדִּיק צוּ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן פוּן טְרוֹיעֶר צוּ שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן.

זָאגְט אִים יַעֲקֹב: "דוּ ווִילְסְט זִיךְ גֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל זָאגְן שִׁירָה, אוּן דָא אוֹיף דער וֶועלְט ווִילְסְטוּ אַרֵיינְוָוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין צַעַר יָגוֹן וַאֲנָחָה; יֶעצְט אִינְדֶערְפְרִי בַּיים אוֹיפְשְׁטֵיין וֶוען דוּ זֶעסְט אַז זֵיי שְׁטַארְקְן זִיךְ מִיט שִׂמְחָה ווִילְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן?" נֵיין! יַעֲקֹב כַאפְּט אִים אָן אוּן זָאגְט אִים: " אִיךְ לָאז דִיר נִישְׁט גֵיין, פַאר דוּ גֶעבְּסְט זֵיי אַ בְּרָכָה" וַוייל אַ בְּרָכָה קוּמְט פוּן שִׂמְחָה, יַעֲקֹב הָאט גֶעוָואלְט אַרֵיינְכַאפְּן דִי יָגוֹן וַאֲנָחָה אִין שִׂמְחָה אַרֵיין, דער שְׁטִיק עֵשָׂו זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין בְּרֵירָה נָאר צוּ וֶוערְן אַ בֶּענְטְשֶׁער אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי אִידְן, אַזוֹי ווִי עֶס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן דִי גוֹיִם אַלֵיין קוּמֶען אוּן מְשַׂמֵּחַ זַיין דִי אִידְן.

זָאל דער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז בְּקָרוֹב זָאל דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה נִתְהַפֵּךְ וֶוערְן צוּ אַיין שְׁטִיק שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד, אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן וֶועלְן אַיינְזֶען אַז עֶס אִיז דָא נָאר אַיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.

(לִיקוּטֵי הלכות הודאה ו')

## דעם רבינ'ס משלים



המשך פון די לעצטע זייט

טֶעגְלִיךְ דַוְקָא אַזֶעלְכֶע סָארְט לַמּוֹדִים אָדֶער קוּמֶען צוּ אִים פּוּנְקְט אִין דִי צַייטְן, א.א.וו.

אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז: דֶער צַדִּיק אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער דָאקְטָאר אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר קֶען אוּנְז אַסַאךְ בֶּעסֶער ווִי מִיר קֶענֶען זִיךְ אַלֵיין. עֶר ווֵייסְט וָואס אִיז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג פַאר אוּנְז לוֹיט אוּנְזֶער שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה. עֶר לֶערְנְט אוּנְז פוּן וָואס מִיר דַארְפְן שְׁטֵיין ווַייט, וָואס מְ'זָאל טוּן בַּיי יֶעדְן טְרִיט אוּן שְׁרִיט, סַיי בַּיי אַן עֲלִיָּה אוּן אוֹיךְ בַּיי אַ יְרִידָה, פַאר אוּנְז אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִים אוֹיסְצוּהֶערְן אוּן פָּאלְגְן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען זַיין רִיכְטִיג דָּבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער. (ע"פ ליקו"מ קסד)




# פייגעלעך וועלן זיך קריגן אויף דיר

טַייעֶרֶע קִינְדֶער הַיינְט גֵייעֶן מִיר כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר אִין שְׁטֶעטֶעלֶע מֶעזְבּוּש, דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאט. לָאמִיר זֶען וֶוער פוּן אַייךְ קִינְדֶער וֵוייסְט, בֶּעסֶער גֶעזָאגְט וֶועלְכֶער אִינְגֶעל וֵוייסְט נִישְׁט וֶועלְכֶער צַדִיק הָאט גֶעוואוינְט אִין מֶעזְבּוּש?

אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ, אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר אַ שַׁארְפֶע קָאפּ, אוּן גֶעקֶענְט גָאר אַסַאךְ לֶערְנֶען אָבֶער לַיידֶער אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מִתְנַגֵד אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה אוּן הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן וֶועג פוּן חֲסִידוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן גֵיין צוּ דֶעם אִינְגֶערְמַאן אוּן אִים מְקַרֵב זַיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע וֶועג פוּן בַּעַל שֵׁם, זֵיי הָאבְּן אַוַודְאַי גֶעפָאלְגְט דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִינְגֶערְמַאן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם אוּן אַזוֹי אִים מְקַרֵב צוּ זַיין אוּן דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִים צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

עֶר רוּפְט זַיין שָׁכֵן א גוֹי אִיוַואן, אִיוַואן וואי הָאטָאויי - דִי בִּיסְט גְרֵייט? עֶנְטְפֶערְט אִיוַואן נַאפֶּעוְונָא – אִיךְ בִּין גְרֵייט!, עֶר פָּארְט אוֹיפְן וָואגְן צְוִוישְׁן דִי שְׁמָאלֶע וֶועגְן בִּיז עֶר קוּמְט אָן צוּם הֵיילִיגְן הוֹיז.

דֶער אִינְגֶערְמַאן קוּמְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם, עֶר גֵייט צוּ צוּם צִימֶער וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיצְט דֶער אִינְגֶערְמַאן שְׁטְרֶעקְט אוֹיס דִי הַאנְט צוּ גֶעבְן שָׁלוֹם, אָבֶער דֶער בַּעַל שֵׁם נֶעמְט נִישְׁט פוּן אִים קַיין שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם אוּן רֶעדְט נִישְׁט צוּ אִים אֲפִילוּ קַיין אֵיין וָוארְט...

דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט דָאס זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט פַּארְוָואס דֶער בַּעַל שֵׁם דֶערְוַוייטֶערְט אִים אוּן רֶעדְט נִישְׁט צוּ אִים גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט פָּארְט פְּרָאבִּירְט זִיךְ אַרַיינְצוּשְׁטִיפְּן נֶענְטֶער צוּם בַּעַל שֵׁם, אָבֶער נֵיין! דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב רֶעדְט נִישְׁט צוּ אִים, אַ פָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער אָט עֶר נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּגֵיין צוּם בַּעַל שֵׁם אֶפְשָׁר יֶעצְט וֶועט דֶער רֶבִּי רֶעדְן צוּ אִים, אָבֶער פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר, דֶער בַּעַל שֵׁם רֶעדְט נִישְׁט צוּ אִים גָ-א-רְ-נִ-י-שְׁ-ט.

אַזוֹי הָאט עֶר אַפָּאר מָאל פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אַרַיין גֵיין אָבֶער יֶעדֶעס מָאל הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם מְרַחֵק גֶעוֶוען אוּן זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן גֶעמַאכְט פוּן אִים.

בִּיז אֵיינְמָאל אִיז דֶער אִינְגֶערְמַאן זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן עֶר קוּמְט אַרַיין צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אָבֶער דָאס מָאל קוּמְט עֶר אַרַיין מִיט הַכְנָעָה אוּן מִיט א גְרוֹיס גֶעוֵויין: "רֶבִּי זֵיי מִיךְ מְקַרֵב! אִיךְ וִויל דִיר פָאלְגְן אוּן וִויל זַיין נָאנְט צוּ דִיר! אִיךְ בֶּעט דִיךְ רֶבִּי, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף מַיין נְשָׁמָה".

בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים מְקַרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען. אִינְמִיטְן שְׁמוּעֶסְן זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב.

זָאלְסְט וִויסְן! יֶעצְט וֶוען דִי גֵייסְט אַהֵיים גֵיין אוּן דִי גֵייסְט אַרַיינְגֵיין פְרִישׁ אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם גֵייעֶן

זיך אָנְהֵייבְּן אוֹיף דִיר אַסאַךְ מַחֲלוֹקֶת. קוֹדֶם גֵייט דַיין מִשְׁפָּחָה זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִיר, נָאכְדֶעם דַיינֶע שְׁכֵנִים, אוּן דֶערְנָאךְ דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט וואוּ דִי וואוֹינְסְט, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֵייט זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִיר

אוּן וֶוער נָאךְ קִינְדֶער? וָואס טְרַאכְטְן עֶנְק וֶוער וֶוער, וֶוער קֶען דָאס זַיין וֶוער נָאךְ גֵייט זִיךְ קְרִיגְן.. שַׁא שַׁא..... אֲפִילוּ דִי פֵייגְלֶעךְ גֵייעְן זִיךְ קְרִיגְן אוֹיף אִים . יָא פֵייגֶעלֶעךְ.

דֶער אִינְגֶערְמַאן פָּארְט צוּרִיק אַהֵיים צוּ זַיין שְׁטָאט אוּן הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי רִיכְטִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט דוּרְךְ אַ קוּרְצֶע צַייט אוּן זַיינֶע שְׁטוּב מֶענְטְשְׁן הֵייבְּן זִיךְ אָן קְרִיגְן מִיט אִים אוּן זָאגְן אִים. וָואס בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן אַ פְרוּמַאק הַא? אַ גַאנְצֶע טָאג דַאוֶונְסְטוּ, דִי מַאכְסְט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן דִי וֶועלְדֶער, דִי צֵיילְסְט דִי בְּלֶעטֶער פוּן דִי בֵּיימֶער? עֶה עֶה

אֲפִילוּ דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז פְרִיעֶר אַזוֹי בַּאלִיבְּט גֶעוֶוען אִין זַיין שְׁטוּב אוּן אַלֶע זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן אִים אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט וַוייל עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ עֶרְלִיכֶער אִיד הָאבְּן אָבֶּער אַלֶע זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים זַיין שָׁכֵן שְׁמֶערְל שְׁרֵייט אִים פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט גַאס: "קוּק אִים אָן, עֶר קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט הַאלְבֶּע פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן, עֶה וָואס זוּכְט עֶר אוֹיף דִי עֶרְד? הָע אֶפְשָׁר נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אֶפְשָׁר גֶעלְט?"

אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוָוארְן דֶער אִינְטֶערְסַאנְטֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט רֶעדְט פוּן אִים אוּן מְ'לַאכְט פוּן אִים, וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר שְׁטֵייט.



אַזוֹי וִוי עֶר אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם דֶרֶךְ פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט עֶר שׁוֹין בַּאקוּמֶען דֶעם גֶעשְׁמַאקְן טַעַם אִין אַ דַאוֶונֶען אֵיינְמָאל וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען מִיט אַ בְּרֶען אוּן גֶעשְׁמַאק: "בָּרוּךְ שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם, בָּרוּךְ הוּא בָּרוּךְ אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה בָּרוּךְ גּוֹזֵר וּמְקַיֵּם", אִינְמִיטְן קוּמְט צוּ פְלִיעֶן אַן אִינְדִיק אַ גְרוֹיסֶע גְרוֹיסֶע הִינְדֶעלֶע, נָא נָא נָא, עֶר פְּרוּבִּירְט אַוֶועק טְרַייבְּן דֶעם אִינְדִיק "בָּרוּךְ מְרַחֵם עַל הָאָרֶץ בָּרוּךְ מְרַחֵם עַל הַבְּרִיּוֹת", אָבֶּער דִי אִינְדִיק אִיז ווִידֶער דָא אוּן שְׁטֶערְט אִים אִינְמִיטְן זַיין גֶעשְׁמַאקְן דַאוֶונֶען דֶער אִינְגֶערְמַאן טְרַייבְּט אִים נָאכְאַמָאל אַוֶועק. נָא נָא! אָבֶּער דֶער מְחוּצְף אִינְדִיק טַאנְצְט אִים ווִידֶער אַרוּם אוּן שְׁטֶערְט אִים.

עֶר בֵּייזֶערְט זִיךְ זֵייעֶר, עֶר כַאפְּט אַ הַאק, עֶר ווִיל אָפְּהַאקְן דֶעם קָאפּ פוּן דֶעם אִינְדִיק וָואס שְׁטֶערְט אִים דָא אִינְמִיטְן זַיין זִיסְן דַאוֶונֶען.... בִּיז... עֶר גִיט זִיךְ אַ דֶערְמַאן אִין דִי הֵיילִיגֶער וֶוערְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אַז אֲפִילוּ דִי פֵייגְלֶעךְ וֶועלְן זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִים"... הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעלָאזְט דֶעם הִינְדֶעלֶע גֵיין זַיין וֶועג. אַזוֹי אִיז עֶר גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אַ כַּעַס עֶר וָואלְט אִים זֵייעֶר זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעוֶוען וֶוען עֶר הַארְגֶ'עט וֶוען דֶעם אִינְדִיק.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט עֶס שְׁטֵייט אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן (עֲבוֹדַת הַשֵּׁם' תר"ח)

עֶס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז יֶעדֶער אִינְגֶל דַארְף ווִיסְן אַז וֶוען מֶען ווִיל וֶוערְן נָאנְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס יֶעדְן אִיד אוֹיבּ עֶר וֶועט זַיין שְׁטַארְק אֲפִילוּ עֶר וֶועט וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז אֲפִילוּ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים דֶערְוַוייטֶערְט אוּן פַארְשֶׁעמְט, דַארְף מֶען שְׁטֵיין שְׁטַארְק אִינֶעם נִסָּיוֹן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאל אוּנְז דֶערְוַוייטֶערֶען דַארְף מֶען וַוייטֶער זִיךְ אַרַיינְשְׁטוּפְּן אִינְגַאנְצְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פָארְן צוּ אִים, לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים אַזוֹי וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

# לעובדא ולמעשה



הָרַב הֶחָסִיד ר׳ שִׁמְשׁוֹן בַּארְסְקִי זַ״ל הָאט זִיךְ גֶעפִירְט לַאנְגֶע יָארְן צוּ מַאכְן יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדַת מְלַוֶּה-מַלְכָּה אִינְאֵיינֶעם מִיט אַסַאךְ חֲסִידִים, וואוּ זֵיי פְלֶעגְן זִינְגֶען צוּזַאמֶען דִי זְמִירוֹת פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת. אָט דִי הַנְהָגָה הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַלְס דַאנְק פַארְן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אַ גְרוֹיסְן נֵס וָואס עֶר הָאט מִיטְגֶעלֶעבְּט וֶוען זַיין לֶעבְן אִיז אִים גֶעשָׁאנְקֶען גֶעוָוארְן פוּן דָאסְנֵיי.

ר׳ שִׁמְשׁוֹן הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין אוּמַאן אוּן פוּן מָאל פְלֶעגְן אָנְפַאלְן אוֹיף דִי שְׁטָאט בַּאנְדֶעס פוּן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע רוֹצְחִים וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען אַ גְרוּפֶּע פוּן פְּרָאסְטֶע אוּקְרֵיינִישֶׁע פּוֹיעֶרְן, זֵיי פְלֶעגְן גֶעוֶוענְלִיךְ זִיךְ צַאמְנֶעמֶען צוּ ווִידֶערְשְׁפֶּענִיגְן קֶעגְן דֶער קֵייסֶער אָדֶער אַנְדֶערֶע מִלְחָמוֹת צְווִישְׁן זִיךְ, וֶוען אוֹיפְן וֶועג זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דִי אִידְן לַיידֶער גֶעוֶוען דִי קָרְבָּנוֹת פַאר זֵייעֶר ווִילְדְקַייט אוּן רְצִיחָה.

אֵיינְמָאל אִיז אָנְגֶעפַאלְן אוֹיף אוּמַאן אַזַא סָארְט בַּאנְדֶע, ווִי נָאר מֶען הָאט גֶעהֶערְט פוּן וַוייטְן זֵייעֶרֶע ווִילְדֶע קוֹלוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן זֶענֶען דִי גַאסְן לֵיידִיג גֶעוָוארְן אַלֶע הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן וואוּ מֶען הָאט נָאר גֶעטְרָאפְן אַ לֶעכְל זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֶעקְן, אוֹיךְ בַּיי פַאמִילְיֶע בַּארְסְקִי אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא׳דִיגֶע בֶּהָלָה, אַלֶע מִשְׁפָּחָה מִיטְגְלִידֶער הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעשְׁמוּגְלְט אִין אַ צְוֵוייטֶע ווִינְקְל אוּן גֶעוַוארְט מִיט תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל זֵיי רַאטֶעוֶועןְ. מִיטְאַמָאל עֶפְנְט זִיךְ דִי טִיר, עֶס שְׁפַּאצִירְן אַרַיין אִין הוֹיז מִיט ווִילְדֶע טְרִיט אַפָּאר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע פּוֹיעֶרְן צוּ כַאפְּן אַ קָרְבָּן, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן ר׳ שִׁמְשׁוֹן אִין בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִים אָנְגֶעכַאפְּט אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אִין הוֹיף, דֶער גוֹי הָאט גֶענוּמֶען זַיין בִּיקְס אוּן אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט אַנְטְקֶעגְן ר׳ שִׁמְשׁוֹן! וֶוען פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט ר׳ שִׁמְשׁוֹן ווִי

אײנֶער פון הונְטֶער אִים שְׁרֵייט צום רוֹצֵחַ, שִׁיס נִישְׁט!!! דֶער גוֹי הָאט בַּאלְד אַרָאפְּגֶענוּמֶען דֶעם בִּיקְס און אִים צוּרִיקְגֶעשִׁיקְט צוּרִיק אִין שְׁטוּב מִיט דִי נְשָׁמָה אִין דִי הֶענְט.

ר׳ שִׁמְשׁוֹן הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַנְדֶעקְט דֶער סוֹד וֶוער אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט גֶעשְׁרִיגְן ׳שִׁיס נִישְׁט׳ און אִים גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן, אָבֶער אַלְס אָנְדֶענְק צום גְרוֹיסְן נֵס צוּ דַאנְקֶען און לוֹיבְּן ה׳ יִתְבָּרַךְ וָואס הָאט אִים גֶערַאטֶעוֶועט אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּטְן, הָאט עֶר גֶעמַאכְט יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת אַ סְעוּדָה צוּ דַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי ר׳ נָתָן שְׁרַייבְּט אַז אוֹיבּ וָואלְטְן אַלֶע שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאנְקְט און גֶעלוֹיבְּט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וָואס שׁוֹין בָּטֵל גֶעוָוארְן אַלֶע צָרוֹת און מִיר וָואלְטְן שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן אַלֶע גָּלֻיוֹת.

**קבר פון הייליגן בת עין וואו עס ליגט אויך די טאכטער פון הייליגן רבי׳ן מרים מיט איר מאן, טרעף צען חילוקים**








ר׳ נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער לַמְדָן אִין נִגְלֶה, אַ גָאוֹן עוֹלָם. ר׳ נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ חַבֵר וָואס עֶר גֶעווָאוֹינְט אִין ׳אָדֶעס׳ זַיין נָאמֶען אִיז גֶעוֶוען ר׳ רְאוּבֵן׳לֶע אָדֶעסֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער רָב פוּן אָדֶעס, אוּן פוּן דִי וֶועלְט׳ס גְדוֹלִים. קִינְדְוַוייז זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע גֶעוֶוען חֲבֵרִים, אוּן ר׳ רְאוּבֵן׳לֶע הָאט גֶעהֶערְט אַז ר׳ נָתָן אִיז גֶעוָוארְן אַ חָסִיד, עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען פוּן דִי גְאוֹנִים פוּן דִי וֶועלְט, דִי לִיטְוִוישֶׁע גְאוֹנִים, הָאט דֶער ר׳ רְאוּבֵן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳מִסְתָם הָאט ר׳ נָתָן שׁוֹין פַארְגֶעסְן דָאס לֶערְנֶען׳.

וֶוען ר׳ נָתָן אִיז גֶעפָארְן קַיין ׳אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל׳ אִיז עֶר דָאךְ גֶעוֶוען אִין אָדֶעס, הָאט עֶר אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַז עֶר וֶועט אַרַיינְגֵיין צוּם רָב ר׳ רְאוּבֵן׳לֶען. עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים, נוּ הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן דֶעם חַבֵר אוּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט מִיט אִים, זָאגְט דֶער רָב: ״גֶעדֶענְקְסְטוּ כָאטְשׁ דָאס לֶערְנֶען?״ ר׳ נָתָן עֶנְטְפֶערְט אִים: ״יָא״,

״נוּ וֶועל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן אַ שְׁוֶוערֶע טוּרֵי-זָהָב אִין הִלְכוֹת תְחוּמִין, [אִין תְחוּמִין אִיז דָא גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע טַ״זְ׳ן, לוֹמְדִים בְּרֶעכְן זִיךְ דִי קָאפּ אִין דֶעם טַ״ז,] הָאט דֶער רָב גֶעפְרֶעגְט פוּן ר׳ נָתָן אַ טַ״ז פוּן תְחוּמִין, עֶר זָאל אִים זָאגְן פְּשַׁט אִין דֶעם טַ״ז!

ר׳ נָתָן אִיז אַרוֹיס אִין אַ בַּאזוּנְדֶערְן חֶדֶר, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַבִּיסְל מְיַשֵׁב גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט דֶעם פְּשַׁט פוּנֶעם טוּרֵי זָהָב! הָאט ר׳ רְאוּבֵן׳לֶע אַזוֹי גֶעזָאגְט: ״וֶוען אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט וָואלְט אִיךְ אָפְּגֶעדְרוּקְט דֶעם פְּשַׁט דַיינֶעם אִין גָאלְדֶענֶע אוֹתִיּוֹת!״

וָואסְפַאַרַא חִילוּק אִיז גֶעוָוארְן מִיט ר׳ נָתָן נָאכְן וֶוערְן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן מֶער פוּן פְרִיעֶר? אַז דָאס לֶערְנֶען בַּיי ר׳ נָתָן׳עֶן זַייט עֶר אִיז גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן - אִיז גֶעוֶוען אַן אַנְדֶער לֶערְנֶען! אַן אַנְדֶערֶע לֶעכְטִיגְקֵייט, אַן אַנְדֶער לֶערְנֶען.

◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆

״ר׳ עֲקִיבָא וֶועלְוְול״, [ר׳ עֲקִיבָא זְאֵב פוּן נֶעמִירוֹב זַ״ל, פוּן ר׳ נָתָן׳ס מְקוֹרָבִים]. אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, אוּן גֶעלֶערְנְט ׳מָגִנִּים׳ [דִי מפרשים אויף ש״ע טורי זהב - מגן אברהם] אוֹיף אוֹיסְנֶוויינִיג.

הָאט אִים ר׳ נָתָן אַמָאל גֶעזָאגְט: ״דוּ שְׁפַּארְסְט זִיךְ מִיט מִיר?! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַ שְׁטִיקְל ׳מָגִנִּים׳, אִיז גֶעקוּמֶען דֶער ׳מָגֵן אַבְרָהָם׳, אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט פְּשַׁט!״, - אַזוֹי הָאט ר׳ נָתָן גֶעזָאגְט צוּ ר׳ עֲקִיבָא וֶועלְוְול, ״עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער ׳מָגֵן אַבְרָהָם׳, אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט פְּשַׁט״.

וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן וֶוערְט אַן אַנְדֶערֶע תְּפִלִּין? צוּ אַנְדֶערֶע צִיצִית? נֵיין! נָאר דָאס גֶעשְׁמַאקֵייט, אוּן חִיוּת, אוּן דָאס פְּנִימִיּוּת אִיז גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. (לויט א שיחה פון ר׳ לוי יצחק בענדער זצ״ל אין טעם זקנים)

ווער האט פארהערט וועמען? ________________

מיט וועלכע אותיות האט דער רב פון אדעסע געוואלט אפדרוקן דעם פשט פון ר׳ נתן? ___________

ווער איז געקומען צו ר׳ נתן זאגן פשט אין זיין הייליג ספר? ___________

וואס געשעט צו אונזער תורה נאכן ווערן מקורב צום רבי׳ן? ____________________________

און יֶענֶע מְדִינָה, דְהַיְינוּ דִי מְדִינָה וָואס בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען דֶער 'גָארְטְן' (וָואס בַּיי זֵיי הָאט מֶען קָאלְיֶע גֶעמַאכְט דֶעם 'טַעַם' וְכוּ' כַּנַ"ל) – הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּמְצוּקוּקְן, אַז זֵיי זָאלְן פַארְרֶעכְטְן דִי [אֵייגֶענֶע] מְדִינָה וָואס בַּיי זֵיי אִיז קָאלְיֶע גֶעוָוארְן דֶעם 'טַעַם' וְכוּ'.

הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען, בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] ס'אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת' (דְהַיְינוּ: טַאקֶע דִי 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], וָואס דֶער 'בֶּעטְלֶער' הָאט מִיט זֵיי גֶעשְׁמוּעֶסְט כַּנַ"ל) – אִיז זֵיי גֶעפֶעלְן (דְהַיְינוּ: דֶער מְדִינָה וָואס דֶער גָארְטְן אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען, אִיז זֵיי גֶעפֶעלְן), אַז דֶער 'אַגְרָאדְנִיק' [גֶערְטְנֶער] זַייעֶרֶער וָואס עֶר אִיז פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן (וָואס דוּרְךְ אִים הָאבְּן זֵיי גֶעלֶעבְּט 'חַיִּים־טוֹבִים'), אִיז עֶר פוּן אֵיין שׁוֹרֶשׁ מִיט דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת', וָואס זֵיי לֶעבְּן אוֹיךְ 'חַיִּים־טוֹבִים'.

אִיבֶּערְדֶעם אִיז זֵיי גֶעפֶעלְן דִי עֵצָה, אַז זֵיי זָאלְן שִׁיקְן צוּ דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת' – זֵיי וֶועלְן זֵיי בְּוַודַּאי הֶעלְפְן. הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גֶעטָאן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשִׁיקְט 'שְׁלוּחִים', צוּ דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת'.

זֶענֶען דִי 'שְׁלוּחִים' גֶעגַאנְגֶען, הָאבְּן זֵיי אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע בַּאגֶעגְנְט – (דְהַיְינוּ: דִי 'שְׁלוּחִים' הָאבְּן זִיךְ בַּאגֶעגְנְט, מִיט דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת', אוֹיף דֶעם וֶועג – וָוארְן דִי 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת', הָאט זִיךְ צוּ זֵיי גֶעוָואלְט גֵיין, כַּנַ"ל).

הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט דִי שְׁלוּחִים: "וואוּהִין גֵייט אִיר"? – הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִיר גֵייעֶן צוּ דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת', אַז זֵיי זָאלְן אוּנְז הֶעלְפְן.

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "מִיר זֶענֶען דָאס אַלֵיין דִי 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת', אוּן מִיר גֵייעֶן צוּ אַייךְ".

הָאב אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן (דְהַיְינוּ: דֶער 'טוֹיבֶּער־בֶּעטְלֶער' וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) צוּ זֵיי: "אִיר בַּאדַארְפְט זִיךְ צוּ מִיר, וָוארְן אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט גֵיין אַהִין, אוּן זָאלְט זֵיי הֶעלְפְן, כַּנַ"ל – (וָוארְן אַז זֵיי זֶענֶען נָאר גֶעוֶוען נָאנְט צוּ דֶער מְדִינָה, הָאט זֵיי אַלֵיין שׁוֹין אוֹיךְ גֶעשַׁאדְט – מִכָּל־שֶׁכֵּן וְכוּ' – כַּנַ"ל) – בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] בְּלַייבְּט אִיר דָא, אוּן אִיךְ וֶועל גֵיין מִיט דִי 'שְׁלוּחִים', צוּ הֶעלְפְן זֵיי".

בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי שְׁלוּחִים, אוּן בִּין גֶעקוּמֶען אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין.

בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט אַרַיין – הָאב אִיךְ גֶעזֶעהְן, ס'קוּמֶען מֶענְטְשְׁן, אוּן ס'זָאגְט אֵיינֶער אַ וֶוערְטְל, אוּן דֶערְנָאךְ זֶענֶען נָאךְ צוּגֶעקוּמֶען מֶענְטְשְׁן, בִּיז ס'גֶעוָוארְן אַ רֶעדְל [גְרוּפֶּע] מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט וֶוערְטְלֶעךְ, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט.

הָאב אִיךְ מִיךְ צוּגֶעהֶערְט וָואס שְׁמוּעֶסְן זֵיי – הָאב אִיךְ גֶעהֶערְט, זֵיי רֶעדְן נִיבּוּל־פֶּה, אוּן דֶער זָאגְט אַ וֶוערְטְל פוּן נִיבּוּל־פֶּה, אוּן דֶער זָאגְט אַבִּיסְל אֵיידֶעלֶער, אוּן דֶער לַאכְט, אוּן דֶער הָאט הֲנָאָה, אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן, אַזוֹי־וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז.

דֶערנָאךְ בִּין אִיךְ וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען אִין אַ אַנְדֶערֶע שְׁטָאט (פוּן דֶער מְדִינָה) – הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן צְוַויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערְן, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] עֶפֶּעס אַ מַשָּׂא וּמַתָּן – זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּם בֵּית־דִין זִיךְ לָדוּן [פִּירְן דִין־תּוֹרָה] – הָאט זֵיי דָאס בֵּית־דִין גֶעפַּסְקְנְ'ט: "דֶער אִיז 'זַכַּאי' אוּן דֶער אִיז 'חַיָּיב'" – זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם בֵּית־דִין.

דֶערנָאךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ ווִידֶער צוּקְרִיגְט, אוּן הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז זֵיי ווִילְן שׁוֹין נִישְׁט דָאס בֵּית־דִין, נָאר זֵיי ווִילְן אַ אַנְדֶער בֵּית־דִין" – הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ אַנְדֶער בֵּית־דִין – הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעלָאדְן [גֶעפִירְט דִי דִין־תּוֹרָה] פַאר יֶענֶעם בֵּית־דִין.

דֶערנָאךְ הָאט זִיךְ ווִידֶער צוּקְרִיגְט אֵיינֶער פוּן דִי דָאזִיגֶע, מִיט אַ אַנְדֶערְן – הָאבְּן זֵיי זִיךְ ווִידֶער אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ אַנְדֶער בֵּית־דִין – אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ דָארְט וַוייטֶער צוּקְרִיגְט, דֶער מִיט דֶעם, אוּן דֶער מִיט דֶעם – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַלֶעמָאל אַ אַנְדֶער בֵּית־דִין – בִּיז דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז פוּל גֶעוֶוען מִיט בָּתֵּי־דִינִים.

הָאבּ אִיךְ אַ קוּק גֶעטָאן, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן, אַז דָאס אִיז מַחֲמַת [ווייל] ס'אִיז דָארְט קַיין אֱמֶת נִישְׁט דָא – אוּן הַיינְט אִיז דֶער מַטֶּה־דִין, אוּן אִיז נוֹשֵׂא־פָּנִים צוּ דֶעם (כְּלוֹמַר: עֶר חַנְפְ'ט יֶענֶעם, אוּן פַּסְקְנְ'ט אִים צוּ) – אוּן דֶערְנָאךְ אִיז יֶענֶער נוֹשֵׂא־פָּנִים אִים (כְּלוֹמַר: דֶערְנָאךְ פַּסְקְנְ'ט יֶענֶער ווִידֶער אִים צוּ) – וָוארְן זֵיי נֶעמֶען 'שׁוֹחַד', אוּן סְ'אִיז בַּיי זֵיי קַיין אֱמֶת נִישְׁט דָא.

דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן, אַז זֵיי זֶענֶען פוּל מִיט 'נִיאוּף' [זְנוּת] – אוּן ס'אִיז דָארְט זֵייעֶר פִּיל 'נִיאוּף', בִּיז סְ'אִיז שׁוֹין גָאר בַּיי זֵיי גֶעוָוארְן ווִי אַ הֶיתֵּר.

הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט: אַז דֶערִיבֶּער אִיז בַּיי זֵיי קַאלְיֶע גֶעוָוארְן, דֶער 'טַעַם', אוּן דֶער 'רֵיחַ', אוּן דִי 'מַרְאֶה' – וָוארְן דֶער 'מֶלֶךְ' דֶער 'אַכְזָר' הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], עֶר הָאט בַּיי זֵיי אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי 'דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט' הַנַּ"ל, אַז זֵיי זָאלְן אוּמְגֵיין [אַרוּמְגֵיין], אוּן זֵיי זָאלְן קַאלְיֶע מַאכְן דִי מְדִינָה.

וָוארְן זֵיי זֶענֶען אוּמְגֶעגַאנְגֶען [אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען], אוּן הָאבְּן גֶערֶעדְט צְווִישְׁן זֵיי נִיבּוּל־פֶּה, אוּן זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט נִיבּוּל־פֶּה אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין – אוּן דוּרְךְ נִיבּוּל־פֶּה, אִיז בַּיי זֵיי דוּרְכְדֶעם קַאלְיֶע גֶעוָוארְן דֶער 'טַעַם', אַז אַלֶע 'טַעֲמִים' הָאבְּן אַ 'טַעַם' פוּן 'נְבֵילָה'.

אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט 'שׁוֹחַד' אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין – אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז בַּיי זֵיי קַאלְיֶע גֶעוָוארְן דִי 'מַרְאֶה', אוּן סְ'אִיז בַּיי זֵיי טוּנְקְל גֶעוָוארְן אִין דִי אוֹיגְן – וָוארְן אַזוֹי שְׁטֵייט: "כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים" – כְּלוֹמַר: "שׁוֹחַד מַאכְט בְּלִינְד דִי אוֹיגְן".

אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי 'קְנֶעכְט' אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט 'נִיאוּף' אִין דֶער מְדִינָה – אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז קַאלְיֶע גֶעוָוארְן דֶער 'רֵיחַ' – וָוארְן דוּרְךְ 'נִיאוּף', ווֶוערְט קַאלְיֶע דֶער 'רֵיחַ'.

(אוּן דָאס הָאט עֶס דֶער 'מֶלֶךְ־אַכְזָר' אִיבֶּערְגֶעלָאזְט 'דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט' אִין דֶער מְדִינָה, אוּן הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן: "אַז זֵיי זָאלְן אוּמְגֵיין [אַרוּמְגֵיין], אוּן זֵיי זָאלְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען

די 'דְרַיי עֲבֵירוֹת' אִין דֶער מְדִינָה" – און דוּרְכְדֶעם אִיז בַּיי זֵיי קַאלְיֶע גֶעוָוארְן, די 'מַרְאֶה', און דֶער 'טַעַם', און דֶער 'רֵיחַ', כַּנַ"ל).

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] זָאלְט אִיר זֶעהְן פַארְרֶעכְטְן די מְדִינָה, פוּן די 'דְרַיי עֲבֵירוֹת' – און אִיר זָאלְט נָאכְזוּכְן נָאךְ די מֶענְטְשְׁן (דְהַיְינוּ: נָאךְ די 'קְנֶעכְט', וָואס זֵיי הָאבְּן עֶס אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט די 'דְרַיי עֲבֵירוֹת' אִין דֶער מְדִינָה, כַּנַ"ל), און אִיר זָאלְט זֵיי פַארְטְרַייבְּן.

און אַז אִיר וֶועט אַזוֹי טָאן, און אִיר וֶועט אָפְּרֵיינִיגְן די מְדִינָה פוּן די 'דְרַיי עֲבֵירוֹת' – זָאג אִיךְ אַייךְ: "אַז לֹא דַי [נִישְׁט נָאר], וָואס סְ'וֶועט בַּיי אַייךְ פַארְרֶעכְט וֶוערְן דֶער 'טַעַם', און די 'מַרְאֶה', און דֶער 'רֵיחַ' – נָאכְמֶער, אֲפִילוּ דֶער 'אַגְרֶאדְנִיק' [גֶערְטְנֶער] וָואס עֶר אִיז בַּיי אַייךְ פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן, וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען אָפְּזוּכְן".

הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גֶעטָאן, און זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֵיינִיגְן די מְדִינָה פוּן די 'דְרַיי עֲבֵירוֹת', און זֵיי הָאבְּן נָאכְגֶעזוּכְט נָאךְ די מֶענְטְשְׁן (דְהַיְינוּ: נָאךְ די קְנֶעכְט הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

און זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעכַאפְּט אַ מֶענְטְשְׁן, און זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וַואנֶעט קוּמְסְטוּ אַהֶער"? – בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעכַאפְּט די מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ־אַכְזָר' (דְהַיְינוּ: די 'דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט' הַנַ"ל), און זֵיי הָאבְּן די מֶענְטְשְׁן אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן, און זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶערֵיינִיגְט די מְדִינָה פוּן די עֲבֵירוֹת.

דֶערְוַוייל אִיז גֶעוָוארְן אַ רַעַשׁ [טוּמֶעל]: "אֶפְשַׁר אִיז פָּארְט דֶער 'מְשׁוּגֶעְנֶער' דֶער 'אַגְרֶאדְנִיק'"? – וָוארְן סְ'גֵייט אוּם [אַרוּם] אַ 'מְשׁוּגֶעְנֶער', און עֶר זָאגְט אַלְץ: "אַז עֶר אִיז דֶער 'אַגְרֶאדְנִיק'" – און אִיטְלֶעכֶער הַאלְט אִים פַאר 'מְשׁוּגָע', און מְ'וַוארְפְט אִים נָאךְ שְׁטֵיינֶער, און מְ'טְרַייבְּט אִים אַוֶועק – "טָאמֶער פָּארְט אִיז טַאקֶע עֶר, דֶער 'אַגְרֶאדְנִיק'"?

אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען, און מְ'הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט. הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'בֶּעטְלֶער' דֶער 'טוֹיבֶּער' וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ): "אַוַודַאי אִיז עֶר דֶער 'אַגְרֶאדְנִיק'" – (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס זֵיי הָאבְּן פְרִיעֶר גֶעזָאגְט: "אַז עֶר אִיז 'מְשׁוּגָע'").

נִמְצָא, הָאבּ אִיךְ אַ 'הַסְכָּמָה' פוּן דָארְט, אַז אִיךְ לֶעבּ 'חַיִּים־טוֹבִים' – וָוארְן אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְרֶעכְט די מְדִינָה – (און דוּרְךְ אִים, הָאט זִיךְ זֵיי אֲפִילוּ דֶער 'אַגְרֶאדְנִיק' אָפְּגֶעזוּכְט – הָאבְּן זֵיי [די מְדִינָה] ווִידֶער גֶעלֶעבְּט 'חַיִּים־טוֹבִים' כַּנַ"ל) – הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה מַיין 'חַיִּים־טוֹבִים'".

אִיז דָארְט גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, און אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה, און זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוָוארְן – דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעשֶׁענְקְט 'חַיִּים־אֲרוּכִים', דְהַיְינוּ: 'לַאנְג־לֶעבְּן' – און דֶער אַנְדֶערֶער הָאט זֵיי גֶעשֶׁענְקְט 'חַיִּים־טוֹבִים', דְהַיְינוּ: 'גוּט־לֶעבְּן'.

און אַזוֹי אַלֶע 'בֶּעטְלֶערְס', זֶענֶען אַלֶע דֶערְנָאךְ גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער 'חֲתוּנָה' – און הָאבְּן זֵיי גֶעשֶׁענְקְט 'דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק' – דָאס דָאזִיגֶע וָואס זֵיי הָאבְּן זֵיי פְרִיעֶר גֶעווּאוּנְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן זַיין אַזוֹי־ווִי זֵיי – און הַיינְט הָאבְּן זֵיי דָאס גֶעשֶׁענְקְט זֵיי, בְּמַתָּנָה גְמוּרָה 'דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק'.

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (6)

**א. צו וועם האבן די מדינה פון דעם גארטן געשיקט שליחים זיי צו העלפן?**
- ❑ צו דעם טויבן בעטלער
- ❑ צו די מדינה פון די עשירים
- ❑ צו דעם אגראדניק

**ב. ווער איז אריין געגאנגען מיט די שליחים צו די מדינה פון דעם גארטן?**
- ❑ דער טויבער בעטלער
- ❑ די עשירים
- ❑ דער אגראדניק

**ג. וואס האט ער געהערט רעדן אין די מדינה?**
- ❑ חיזוק און התעוררות
- ❑ לשון הרע
- ❑ ניבול פה

**ד. וואס האט ער געזען אין די בתי דינים דארטן?**
- ❑ אז זיי זענען עהרליכע דיינים
- ❑ אז זיי מאכן יושר'דיגע פשרות
- ❑ אז זיי נעמען שוחד און ס'איז נישטא ביי זיי קיין אמת

**ה. וויאזוי האט דער מלך אכזר כליא געמאכט דעם טעם פון די מדינה?**
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניבול פה אין די מדינה
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט שוחד אין די מדינה
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניאוף אין די מדינה

**ו. וויאזוי האט דער מלך אכזר כליא געמאכט די מראה פון די מדינה?**
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניבול פה אין די מדינה
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט שוחד אין די מדינה
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניאוף אין די מדינה

**ז. וויאזוי האט דער מלך אכזר כליא געמאכט די ריח פון די מדינה?**
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניבול פה אין די מדינה
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט שוחד אין די מדינה
- ❑ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניאוף אין די מדינה

**ח. וואס זאגט זיי דער בעטלער אויב זיי וועלן רייניגן די מדינה פון די דריי כתות?**
- ❑ אז עס וועט פאראכטן ווערן ביי זיי די מראה טעם און ריח
- ❑ אז זיי וועלן טרעפן דעם אגראדניק
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האט דער טויבער בעטלער בעטלער געגעבן דרשה געשאנק?**
- ❑ חיים ארוכים
- ❑ חיים טובים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

ביי וועלכע מעשה נאך דערציילט דער הייליגער רבי אויף א מדינה וואס עס איז פול מיט שקרים?

און וויאזוי רופט דער רבי די בתי-דינים דארט ?

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם טויבן בעטלער ? ביום רביעי כ"ט אדר תק"ע (ימי מוהרנ"ת אות מ"ב)

וואו נאך ווערט דערמאנט אין ספורי מעשיות א"גארטן"? אין מעשה י"א בן מלך ובן שפחה שנתחלפו

וואו נאך ווערט דערמאנט אין ספורי מעשיות פון א רייכע מדינה? אין מעשה י"ב פון דער בעל תפילה

און מיט וועמען זענען געגאנגען די עשירים ביי די מעשה? מיט דער טויבער בעטלער

און מיט וועמען זענען געגאנגען די עשירים ביי די אנדערע מעשיות? מיט אלע צען אנשי המלך

**דער געווינער אויף די זיבן בעטלערס נומער 4 איז**
**הילד החשוב יודל כהן, בית שמש 8146******

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**




# דער גרויסער דאקטאר

לִיגְט זִיךְ דֶער דָאקְטָאר אוֹיפְן קְרַאנְקְן בֶּעט און וואַרְפְּט זִיךְ פַאר יִסוּרִים. (יָא יָא, אַ דָאקְטָאר קֶען אוֹיךְ זַיין קְרַאנְק!) די טִיר עֶפְנְט זִיךְ און דֶער גְרוֹיסֶער שְטָאטִישֶער דָאקְטָאר קוּמְט אִים אוּנְטֶערְזוּכְן. עֶר בַּאטְרַאכְט זַיין קְרֶענְק און פַארְשְרַייבְּט די רִיכְטִיגֶע מֶעדֶעצִינֶען אִים אוֹיסְצוּהֵיילְן.

דֶער קְרַאנְקֶער-דָאקְטָאר עֶפְנְט זַיין מוֹיל און זָאגְט צוּם דָאקְטָאר: "הֶער דָאקְטָאר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר גוּט בַּאקַאנְט און בַּאהַאוְונְט וֶועלְכֶע סָארְט רְפוּאוֹת קֶענֶען זַיין בֵּייהֶילְפִיג פַאר מַיין קְרֶענְק. אִיךְ הָאבּ דָאךְ יֶעדְן טָאג פַּאצִיעֶנְטְן וֶועלְכֶע קוּמֶען זִיךְ הֵיילְן.



אִיךְ פַארְשְטֵיי אַז מֶען דַארְף מִיר אַרוֹיסְצִיעֶן מַיין אוּנְטֶערְשְטֶע צָאן! דָאס וֶועט זִיכֶער הֵיילְן מַיין קְרֶענְק..."

זָאגְט אִים דֶער דָאקְטָאר: "הֶער מִיךְ גוּט צוּ, דוּ וֵוייסְט דָאךְ גַאנְץ גוּט אַז אִיךְ בִּין מְטַפֵּל אַלֶע קְרַאנְקֶע פוּן שְטָאט און אַרוּם, אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס פַאר דִיר, דוּ דַארְפְסְט בֶּעסֶערֶע הֵיילוּנְגְס מִיטְלֶען, אִיךְ זֶע אַסַאךְ מֶער וָואס דוּ זֶעסְט, אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר טַייעֶרֶע און הֵיילְנְדֶע רְפוּאוֹת וָואס אִיךְ קֶען זִיךְ זֵייעֶר אוֹיס דֶערִין.

"רִיכְטִיג דוּ בִּיסְט טַאקֶע אַ דָאקְטָאר, אָבֶער אִיךְ הָאבּ עֶרְפַארוּנְג פוּן יָארְן צוּ אוּנְטֶערְזוּכְן יֶעדְן חוֹלֶה און אִים גְלַייךְ גֶעבְּן די בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִינֶען. הֶער מִיךְ צוּ, נֶעם אָט די רְפוּאוֹת טְרָאץ וָואס דוּ פַארְשְטֵייסְט נִישְט פּוּנְקְט פַארְוָואס אִיךְ גֶעבּ דִיר עֶס, פָאלְג מִיר וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב וֶוערְן גֶעזוּנְט און פְרִיש."

מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן מָשָׁל וִויאַזוֹי צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה אין דֶער צַדִיק.

מִיר הַאלְטְן זִיךְ פַאר גַאנְץ קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן און פַארְשְטֵייעֶן צוּ אַסַאךְ זַאכְן, צוּם בֵּיישְפִּיל: ווִי אַזוֹי צוּ דַאווְנֶען און לֶערְנֶען, ווִי זִיךְ צוּ פִירְן, זִיךְ סְפְּרָאוֶוען קֶעגְן כַּעַס און אוֹיסְבְּרוּכְן, מִיר פַארְשְטֵייעֶן ווען מֶען דַארְף עֶנְטְפֶערְן פַאר אַ חָבֵר, וָואס פּוּנְקְט צוּ רֶעדְן, אוּנְז הָאבְּן 'פּוּנְקְט' די רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל ווִי צוּ מְכַבֵּד זַיין די עֶלְטֶערְן, מְלַמְדִים, מִיר זֶענֶען זִיכֶער אַז וָואס מִיר טוּעֶן אִיז פּוּנְקְט וָואס מִיר בְּרוּיכְן טוּן.

אָבֶער ווען מִיר קוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן דָאקְטָאר – דֶער צַדִיק, עֶר זָאל אוּנְז גֶעבְּן אָנְווַייזוּנְגֶען פַאר עֲבוֹדַת הַשֵׁם, וֶועט עֶר צוּ אוּנְזֶער שְטוֹיְנוּנְג אוּנְז גֶעבְּן אַנְדֶערֶע וֶועגְן וָואס אִיז נִישְט אַזוֹי בַּאקַאנְט. מִיר טְרַאכְטְן: 'פַארְוָואס בַּאפֶעלְט עֶר אוּנְז אַזוֹי טוּן אָדֶער זִיךְ אַזוֹי פִירְן? עֶר הֵייסְט אוּנְז לֶערְנֶען

המשך אויף זייט 2